NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13344

DER MILNER DI MILNERN

Feter Bentsiyon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאאפעראטיווע געזעלשאפט ,אידישער פאלקס פארלאג״.

קיעוו, תר״ף.



געווען אַמאָל אַ מילנער און א מילנערן,
האָבן זיי געהאַט אַ פּאָר מילשטיינער.



פלעגן דער מילנער און די מילנערן זאָגן:

- מילשטיינער, מילשטיינער, גיט אונז קאָרענע מעל באַקן ברויט אויף דער וואָך!?

האָבן די מילשטיינער געגעבן קאָרענע מעל, און דער מילנער און די מילנערן פלעגן באַקן ברויט אויף דער וואָך.

- מילשטיינער, מילשטיינער, גיט אונז ווייצענע מעל באַקן חלה אויף שבת!?

האָבן די מילשטיינער געגעבן ווייצענע מעל, און דער מילנער און די מילנערן פלעגן באַקן חלה אויף שבת.

גייט איינמאָל דער פּריין

זעהט ער, ווי דער
מילנער און די מילנערן בעטן מעל ביי די
מילשטיינער און די מילשטיינער געבן.
קומט דער פּריץ צו דעם מילנער און
דער מילנערן:
· מילנער און מילנערן, קאָן מען ביי אייך
איבערנעכטיגן ?
· מע'קאָן.

בײַ נאַכט איז אויפֿגעשטאַנען דער פּריץ,
גענומען די מילשטײנער, אײנעם אונטער
דער רעכטער פּאַכע, אײנעם אונטער דער
לינקער פּאַכע און אַװעקגעגאַנגען.
אינדערפֿריה, אויפֿגעשטאַנען דער מילנער און
די מילנערן — ניטאָ די מילשטײנער!

האָט דער מילנער און די מילנערן געשיקט דעם פערד צום פריץ, אָפּנעמען די מילשטיינער.



געקומען דער פערד צו דעם פריץ:
— פריץ, פריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!
— איך וועל ניט געבן.
און דער פריץ האָט גענומען דעם פערד און אָפּגעפירט צו זיך אין שטאַל אַרײַן.
איז דער פערד צוריק ניט געקומען.

האָט דער מילנער און די מילנערן געשיקט
די קוה צום פּריץ אָפּנעמען די מילשטיינער.



געקומען די קוה צו דעם פּריץ:
- פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!?
- איך וועל ניט געבן.
און דער פּריץ האָט גענומען די קוה און
אָפּגעפירט צו זיך אין שטאַל אַרײַן.
איז די קוה צוריק ניט געקומען.

האָט דער מילנער און די מילנערן געשיקט
די ציג צום פריץ אָפּנעמען די מילשטיינער.



געקומען די ציג צו דעם פריץ:
- פריץ, פריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!?
- איך וועל ניט געבן.
און דער פריץ האָט גענומען די ציג און
אָפּגעפירט צו זיך אין שטאַל אַריין.
איז די ציג צוריק ניט געקומען.

זאָגט דער האָן:
– איך וועל גיין אָפּנעמען די מילשטיינער!?
געקומען דער האָן צום פּריץ.
– פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!?
– איך וועל ניט געבן.
איז דער האָן אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענסטער,
אַרײַנגעשטעלט זײַן שנאָבל דעם פּריץ
אין רעכטן אויער אַרײַן:
פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער,
אז ניט, פּיק איך אויס דיין מוח!?

דער פּרינץ געוואָרן אין כּעס, געכאַפּט דעם שווערד
געוואָלט אָפּהאַקן דעם האָן דעם קאָפּ;
דער האָן האָט געגעבן אַ פליה אָפּ:
נאָר זיך די רעכטע אויער אָפּגעהאַקט!



האָט דער האַן אַריינגעשטעקט זײַן שנאָבל
דעם פּריץ אין לינקן אויער אַריין:

פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער,
אַז ניט, פּיק איך אויס דײַן מוח!?

דער פּריץ געוואָרן אין כעס, געכאַפּט דעם שווערד, געוואָלט אָפּהאַקן דעם האָן דעם קאָפּ;
דער האָן האָט געגעבן אַ פליה אָפּ:
נאָר זיך די לינקע אויער אָפּגעהאַקט!
איז דער האָן אַרויפגעפלויגן דעם פּריץ אויפן קאָפּ:

פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער,
אַז ניט, פּיק איך אויס דײַן מוח!?

דער פּריץ האָט זיך דערשראָקן און אָפּגעגעבן די מילשטיינער.

דער האָן האָט געגנבֿעט די מילשטיינער:
איינעם אונטער דעם רעכטן פליגל,
איינעם אונטער דעם לינקן פליגל.
זאָגט דער האָן צו דעם פּריץ:
· פּריץ, פּריץ, לאָז אַרויס דעם פערד פון שטאַל!
דער פּריץ האָט אַרויסגעלאָזן דעם פערד פון
דער שטאַל.
פּריץ, פּריץ, לאָז אַרויס די קוה פון שטאַל!
דער פּריץ, האָט אַרויסגעלאָזן די קוה פון דער
שטאַל.
· פּריץ, פּריץ, לאָז אַרויס די ציג פון שטאַל!
· דער פּריץ האָט אַרויסגעלאָזן די ציג פון
דער שטאַל.



זײַנען זײ אַלע אַוועק אַהײם צו דעם מילנער
און דער מילנערן, וואו זײ לעבן נאָך
עד-היום.

סעריע:

„קינדער־גאַרטן"

דערציילט:

פעסער בנציון.

דער קינסטלער:

אליעזר ליסיצקי.